**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט צענטראלע ביזנעס דיסטריקט טאל פראגראם ענדגילטיגע ענווייראמענטאלע אפשאצונג און נוסח פון 'קיין באדייטנדע ווירקונג געפונען' דאקומענט יעצט פארעפנטליכט**

***וויכטיגע ערגרייכונג אין פראצעדור צו באקומען אויטאריזאציע פאר דעם לאנד'ס ערשטן צענטראלע ביזנעס דיסטריקט טאל פראגראם; וועט פארבעסערן ראיאנישע לופט קוואליטעט, קאנפראנטירן ניו יארק סיטי'ס ערנסטע אנגעלייגטקייט פראבלעם און ברענגען קריטישע אינפראסטרוקטורישע געלטער פאר טראנספארטאציע***

***ענדערונגען צו ענווייראמענטאלע אפשאצונג בויען ארויף אויף צוזאגן פאר קאמיוניטיס וועלכע זענען א פריאריטעט פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט***

***פארעפנטליכונג פון דאקומענטן הויבן אן 30-טאגיגע תקופה ווען דאקומענטן וועלן אפיציעל זיין פארעפנטליכט פאר פובליק איבערבליק***

***טראפיק באוועגונג איבערבליק באורד צו ארבעטן אויף רעקאמענדאציעס פאר טאל ראטעס און סטרוקטור***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA), די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט (New York State Department of Transportation, NYSDOT) און ניו יארק סיטי טראנספארטאציע דעפארטמענט (New York City Department of Transportation, NYCDOT) האבן פארעפנטליכט די ענדגילטיגע ענווייראמענטאלע אפשאצונג (Environmental Assessment, EA) פאר דעם צענטראלע ביזנעס דיסטריקט (Central Business District, CBD) טאל פראגראם, און אזוי אויך די נוסח פון די "קיין באדייטנדע ווירקונג געפונען" (Finding of No Significant Impact, FONSI) וואס איז צוגעגרייט געווארן דורך די פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע (Federal Highway Administration, FHWA).

"דאס איז א וויכטיגע ערגרייכונג, ברענגענדיג אונז נאענטער צו א צוקונפט ווען ניו יארקער האבן ריינערע לופט, בעסערע פובליק טראנספארטאציע און וויניגער טראפיק אנלייגנדיג אונזערע גאסער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער פראגראם איז קריטיש פאר ניו יארק סיטי'ס לאנג-טערמיניגע הצלחה, פארזיכערנדיג אז די מענטשן וועלכע פארן טעגליך אריין צום ארבעט און ביזנעסער קענען וואקסן און בליהען."

די היינטיגע פארעפנטליכונג פון די דאקומענטן הויבט אן א 30-טאגיגע תקופה דורכאויס וועלכע זיי זענען אפיציעל פארעפנטליכט אויף די אינטערנעט פאר די פובליק צו איבערקוקן [דא](). די וועלכע ווילן ענדערש

זעהן א געדרוקטע קאפיע קענען זיי טרעפן ביי לאקאציעס אויסגערעכנט אויף די וועבזייטל. נאך די 30 טעג גייען אריבער וועט די פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע מאכן אן עמטליכע באשלוס, פארענדיגנדיג איר איבערבליק פון די פאטענציאלע ענווייראמענטאלע ווירקונגען פונעם ערלויבן דעם צענטראלע ביזנעס דיסטריקט טאל פראגראם. נאכן אריינגיין אין א טאל אפמאך מיט די פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע וועט די טאל קענען אנגעהויבן איינגעמאנט ווערן אנגעהויבן פון ביז אזויפיל ווי 310 טעג שפעטער, דורכאויס וועלכע קאנטראקטארס וועלן בויען, טעסטן און אקטיוויזירן טאל עקוויפמענט.

דורכאויס די תקופה וועט א טראפיק באוועגונג איבערבליק באורד (Traffic Mobility Review Board, TMRB) ארבעטן צו באשטימען די רעקאמענדירטע טאל ראטעס צוזאמען מיט סיי וועלכע פאטענציאלע דיסקאונטס, קראסינג קרעדיטס און/אדער אויסנאמען. די רעקאמענדאציעס וועלן פארגעשטעלט ווערן צו די MTA באורד וואס איז די לעגאלע אויטאריטעט אלץ די באורד פון די טריי-באראו בריק און טונעל אויטאריטעט (Triborough Bridge and Tunnel Authority) — די MTA אגענטור וואס וועט איינמאנען די טאלס. נאך וואס די פארגעשלאגענע געבוי פון די טאל סיסטעם וועט אריינגעגעבן און פארעפנטליכט ווערן און נאך א תקופה פאר די פובליק צו איבערלאזן קאמענטארן דערויף, וועט די MTA אפהאלטן א פובליק געהער בעפאר סיי וועלכע טאל סיסטעם ווערט אנגענומען.

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס האט געזאגט,** "די פעדעראלע רעגירונג האט געגעבן נאך א גרינע ליכט צו איינמאנען טראפיק טאלס, און מיר זענען גרייט דאס צו טוהן ריכטיג. עס איז מער פון בלויז צו רעדוצירן טראפיק. מיר וועלן אינוועסטירן אין אונזער טראנספארטאציע סיסטעם און אויפרייניגן די לופט אין די מערסטע פארפעסטיגטע קאמיוניטיס. בויען א שטערקערע צוקונפט מיינט פארזיכערן פארשריט וואס נעמט מיט יעדן איינעם, און אז מיר שטופן נישט אריין די קאנסעקווענצן צו באזייטיגטע קאמיוניטיס. די פלאן וועט דינען אלע ניו יארקער און עס וועט קיינעם נישט איבערלאזן פון הונטן. איך וויל באדאנקען פאראייניגטע שטאטן טראנספארטאציע סעקרעטאר בוטידזשעדזש, גאווערנער האקול, קאנגרעסמאן טארעס און אלע שתדלנים וועלכע האבן געהאלטן זייער פוס אויף די גאז ביים דאס רוקן פאראויס."

**MTA פארזיצער און CEO, דזשענאָו ליעבער, האט געזאגט,** "טראפיק טאלס מיינט ווייניגער טראפיק, זיכערערע געסער, ריינערע לופט, מער עקאנאמישע געלעגנהייטן און בעסערע טראנספארטאציע."

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט, אין צוזאמענארבעט מיט די MTA און די NYCDOT, זענען שטארק דאנקבאר פאר די FHWA פאר זייער גרונטליכע ארבעט ביים סערטיפייען די ענווייראמענטאלע אפשאצונג פאר דעם צענטראלע ביזנעס טאל פראגראם. עס איז געווען א גרונטליכער פראצעדור מיט באמת'ע באטייליגונג פון די פובליק, און כאטש עס איז נאך דא ארבעט צו טוהן, וועלן מיר פארזעצן צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים און די קאמיוניטי צו פאראויס שטופן דעם פראצעדור."

**ניו יארק סיטי טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, אידעניס ראדריגעז, האט געזאגט,** "טראפיק טאלס וועלן פארבעסערן די קוואליטעט פון אונזער לעבן, זיי וועלן פארשנעלערן באסעס, מאכן אונזערע געסער זיכערער און אונזער לופט ריינער. דאס צייכנט אפ א קריטישע טריט פאראויס מיטן אויספירן א פראגראם וואס איז צענטרירט ארום גלייכקייט און ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט. מיר זענען א שטאלצע שותף אין די טראפיק טאלס, און מיר קוקן ארויס צו פארזעצן די ארבעט מיט אונזערע שותפים אויף די סיטי, סטעיט און פעדעראלע שטאפלען צו פאראויס שטופן דעם פראגראם וואס די ערשטע פון די סארט אין די פאראייניגטע שטאטן."

**קאנגרעסמאן ריטשי טארעס האט געזאגט,** "פון די מינוט ווען איך בין אריין אין די פובליק אפיס בין איך געשטאנען אין שפיץ פון די קאמף פאר טראפיק טאלס מיט די האפענונג צו רעדוצירן די אנגעלייגטקייט אויף די געסער, פארבעסערן לופט קוואליטעט, רעדורצירן אסטמא ראטעס און סטאביליזירן די MTA —

די בלוט אין די אדערן פון אמעריקע'ס גרעסטע שטאט. אין דעם זעלבן צייט האב איך געהאט געזאגט אז סיי וועלכע פלאן פאר טראפיק טאלס מוז אנערקענען און רעספעקטירן די אייגנארטיגע ענווייראמענטאלע און פובליק געזונטהייט באדערפענישן פון די בראנקס. איך בין שטאלץ צו האבן ערפאלגרייך פארזיכערט 155 מיליאן דאלאר איבער פינף יאר אין נייע אינוועסטירונגען צו באדייטנד רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג און שעדליכע גאז עמיסיעס, אריינרעכענענדיג דאס ערזעצן טראנספארט קילונג יוניטס אויף דיעזעל טראקס, קאנסטרוקציע פון אינפראסטרוקטור פאר עלעקטראנישע קארן, דאס אנטוויקלונג פון סקול אסטמא פראגראמען, רענוואציע פון לאקאלע פארקס און גרינע שטחים און די פארבעסערונג פון נאכפאלגונג פון לופט קוואליטעט. איך וויל אויסדרוקן א טיפע דאנק פאר גאווערנער האקול, MTA פארזיצער ליעבער, מעיאר עדעמס און דיביידן אדמיניסטראציע פארן אויסהערן די זארגן פון אונזער קאמיוניטי און פארן זיך אנשליסן מיט מיר צו שטופן פאר אן ענווייראמענטאל-גערעכטע טראפיק טאלס פלאן וואס הויבט אן ארומדרייען די לאנגיאריגע און עקלהאפטיגע היסטאריע פון ענווייראמענטאלע ראסיזם אין די בראנקס און ווייטער."

**קאנגרעסמאן דזשעראלד נעדלער האט געזאגט,** "די באשטעטיגונג פון די טראפיק טאלס דורך די FWHA איז א זיג פאר ניו יארקער אין אונזער קאמף פאר ריינערע לופט, זיכערערע געסער און פארבעסערטע מאסן טראנספארטאציע. איך האב געקעמפט פאר טראפיק טאלס פון ווען עס האט זיך אנגעהויבן ווייל עס איז די בעסטע וועג צו אראפנעמען קארן פון אונזערע איבערגעפולטע שאסייען און אונז ערלויבן זיך צו אויסמשל'ן פונדאסניי די אויסקוק פון אונזערע געסער מיט גרינע שטחים פאר פארקס, באשיצטע ביציקל ליניעס און ספעציעלע באס ליניעס צו מאכן רייזעס שנעלער און מער געשליפן. איך בין שטאלץ מיט מיין ארבעט צו מאכן ניו יארק פאר די ערשטע אינעם לאנד צו איינפירן די צוגאנג וואס וועט צושטעלן קריטיש-נויטיגע פינאנצירונג פאר די MTA. יעצט אז דער פראגראם האט באקומען א גרינע ליכט פון די פעדעראלע רעגירונג, קוק איך ארויס צו מיין אנגייענדע שותפות מיט די MTA, די טראפיק באוועגונג איבערבליק באורד און מיט קאמיוניטי פירער צו סוף כל סוף איינפירן טראפיק טאלס און עס נישט אפשטופן."

**קאנגרעסמאן דען גאלדמאן האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי איז גרייט צו דינען אלץ א מוסטער פאר די לאנד און אויספלאסטערן די וועג פאראויס פאר קריטישע פארבעסערונגען צו די לופט קוואליטעט און פובליק טראנספארטאציע סיסטעם דורכן איינמאנען טראפיק טאלס. די קריטיש וויכטיגע פאליסי וואס איז 'בדוק ומנוסה' וועט רעדוצירן טראפיק, בענעפיטירן די ענווייראמענט, פארבעסערן אונזער טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור און מאכן אונזערע געסער זיכערער. טראפיק טאלס זענען איין טריט נאענטער צו ווערן א געזעץ אין ניו יארק און צו אונז אריינגעמען צו אונזער סיטי'ס צוקונפט. לאמיר דאס אויספירן."

**קאנגרעסמאן עידריאַנאָ עספּאַיאַט האט געזאגט,** "עס דערפרייט מיך אז די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט, די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט און די ניו יארק סיטי טראנספארטאציע דעפּארטמענט האבן פארענטליכט זייער ענדגילטיגע ענווייראמענטאלע אפשאצונג פאר דעם צענטראלע ביזנעס דיסטריקט טאל פראגראם. עס איז קריטיש אז מיר זאלן פארזעצן צו גרונטליך איבערקוקן אלע געביטן פון דעם טאל פראגראם דורכאויס די עמפפינדליכע תקופה. איך קוק ארויס צו ווייטער גייען מיט מיין צוזאמענארבעט אויף די פעדעראלע שטאפל מיט די אגענטורן צו פארזיכערן אז דער פראגראם ווערט ערפאלגרייך דורכגעפירט בשעת'ן אויסהערן אלע פארמישטע פארטייען און פארזיכערן קריטישע מאדערניזירונגען פאר ארבעטנדע ניו יארקער."

**סטעיט סענאטאר ליז קרוגער האט געזאגט,** "די פון אונז וועלכע וואוינען און ארבעטן אין מאנהעטן ווייסן גאר גוט די נעגאטיווע השפעות וואס אנגלייגטע טראפיק האט אויף אונזערע טאג-טעגליכע לעבנס — די לופט פארפעסטיגונג, די גערוישן, די סכנות צו פיסגייער פון די איבערגעפילטע געסער און די שוועריגקייטן צו אויסהאלטן דאס זיין געשטראנדעט אין טראפיק ווען מיר דארפן נוצן א קאר אדער

טאקסי. מיר ווייסן אויך די בענעפיטן פון גוט-פינאנצירטע, פארלעסליכע און שנעלע פובליק טראנספארטאציע. טראפיק טאלס איז א צוגאנג וואס איז 'בדוק ומנוסה' צו רעדוצירן אנגעלייגטקייט, פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פון מאנהעטן איינוואוינער און צושטעלן גאר נויטיגע געלטער צו שטיצן די סאָבוועיס און באסעס אויף וועלכע די גרויסע מערהייט פון ניו יארקער פארלאזן זיך יעדן טאג. איך בין פרייליך צו זעהן דעם פראצעדור זיך רוקנדיג פאראויס סוף כל סוף, מיט נאך עטליכע געלעגנהייטן פאר די פובליק זיך צו לאזן הערן, און איך קוק ארויס עס צו זעהן פולשטענדיג איינגעפירט ווי שנעלער מעגליך."

**סטעיט סענאטאר ברעד האילמאן-סיגאל האט געזאגט,** "אין 2019 איז טראפיק טאלס געווען א געדאנק וועלכעס צייט איז געקומען. אין 2023 וואלט עס שוין פון לאנג געדארפט דורכגעפירט ווערן. איך בין שטאלץ געווען צו שטימען פאר דעם ערשטן צענטראלע ביזנעס דיסטריקט טאל פראגראם אינעם לאנד, ווייל עס וועט מיינען בעסערע טראנספארטאציע פאר ניו יארקער, ריינערע לופט און שטילערע געסער פאר מיינע בירגער און מער באקוועמליכקייט פאר אלע באניצער פון די שאסיי. איך באדאנק גאווערנער האקול און די MTA פארן שנעלערהייט ארויסגעבן די ענדגילטיגע ענווייראמענטאלע אפשאצונג כדי מיר זאלן קענען סוף כל סוף דורכפירן דעם פראגראם."

**מאנהעטן באראו פרעזידענט מארק לעווין האט געזאגט,** "מאנהעטן האט פון די נידעריגסטע ראטעס פון קאר אייגנטימער אינעם לאנד, אבער נאכאלץ האט זי פון די ערגסטע טראפיק. טראפיק טאלס וועלן העלפן רעדוצירן די צאל קארן אויף די סיטי געסער בשעת'ן אויך גיבן פאר די פובליק טראנספארטאציע סיסטעם פינאנצירונג פאר איר פארצווייפלטע באדערפעניש. די MTA מאכט וויכטיגע צוזאגן צו זיכער מאכן אז עס האט נישט קיין באדייטנדע נעגאטיווע השפעה, א גרויסע טריט. עס זענען אבער נאכאלץ דא איינצלהייטן וועלכע דארפן אויסגעארבעט ווערן, און דערפאר מוטיג איך ניו יארקער זיך צו באטייליגן אין דעם פובליק געהער פראצעדור. יעצט איז די צייט צו זיכער מאכן אז דער פראגראם איז אוועקגעשטעלט צו קענען מצליח זיין."

**פארזיצער פון Association for a Better New York (אסאָסיעישען פאר א בעסערע ניו יארק), סטיווען רובענסטין, האט געזאגט,** "מיר לויבן אויס די MTA פארן עררייכן די גרויסע טריט אין ריכטונג פון די ענדגילטיגע באשטעטיגונג און איינפירונג פון טראפיק טאלס. כדי די סיטי און אירע ביזנעסער זאלן קענען בליהען, דארפן ניו יארקער האבן פארלעסליכע פובליק טראנספארטאציע און געסער וועלכע זענען נישט כסדר איינגעהילט אין טראפיק. טראפיק טאלס וועלן פארשטערקערן אונזער ראיאן'ס עקאנאמישע שטאנד און עס מאכן מער פריינטליך צו די ענווייראמענט און צו אירע איינוואוינער."

**Reinvent Albany (ערפינדן אלבאני פונדאסניי) סיניאר פאליסי ראטגעבערין, רעיטשעל פאוס, האט געזאגט,** "מיר מיינען אז עס איז פריידיגע נייעס פאר ניו יארקער אז די פעדעראלע רעגירונג האט געגעבן די ערשטיגע גרינע ליכט פאר טראפיק טאלס. מיר קוקן ארויס צו גאווערנער האקול'ס אנגייענדע שטארקע פירערשאפט צו פארזיכערן אז דער פראגראם הויבט זיך אן ווי שנעלער צו ברענגען 15 ביליאן דאלאר אין נויטיגע געלטער פאר די MTA'ס אינפראסטרוקטורישע פלאן. יעצט איז די צייט פאר די טראפיק באוועגונג איבערבליק באורד צו נוצן די פאקטן און לאגיק צו רעקאמענדירן פאר די MTA באורד ווי הויך די טאל זאל זיין און צו ארייינברענגען דעם טראפיק טאלס געזעץ אין קראפט."

**עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון די קביעות'דיגע בירגערליכע אדווייזארי קאמיטע פון די MTA (Permanent Citizens Advisory Committee to the MTA), ליסא דעגליען, האט געזאגט,** "די FHWA'ס באריכט פון לעגאלע צופרידנשטעלונג און די שאדן פארמינערונג מאסנאמען ארויסגערעכנט אין די ענדגילטיגע EA און די נוסח פון די FONSI סיגנאלירן אז טראפיק טאלס זענען אויפן וועג. די ערשטע קומענדיגע שריט אין ריכטונג פון א ראיאן מיט מער טראנספארטאציע אינוועסטירונג, ווייניגער טראפיק און בעסערע לופט קוואליטעט זענען א גרויסע געווינס פאר פאסאנזשירן און פאר די מיליאנען פון

אנדערע – אריינרעכענענדיג דרייווערס – וועלכע וועלן בענעפיטירן פון טראפיק טאלס. מיר אפלאדירן די USDOT, גאווערנער האקול, די MTA און אירע שותפים, NYS DOT און NYC DOT פארן זיין אזוי גרונטליך מיט זייערע באמיאונגען צו פארזיכערן אז שאדן פארמינערונג מאסנאמען וועלן אויפגעבויט ווערן צו אדרעסירן פאטענציאלע פראבלעמען פאר גלייכקייט וועלכע זענען ארויפגעקומען דורכאויס דעם איבערבליק פראצעדור, אריינרעכענענדיג צו געבן דיסקאונטס פאר דרייווערס מיט נידעריגערע איינקונפט, באגרעניצטע באצאלונגען פאר טאקסי און באצאלטע דרייווערס און לופט קוואליטעט פארבעסערונגען, כדי צו ברענגען בעסערע תוצאות פאר קאמיוניטיס וועלכע זענען א פריאריטעט פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט, באזונדערס אין די בראנקס. דארט וואו ניו יארק פירט וועלן אנדערע נאכפאלגן."

**Regional Plan Association (ראיאנישע פלאן אסאָוסיעישען, RPA) פרעזידענט און CEO, טאם רייט, האט געזאגט,** "פאר צענדליגע יארן האט ניו יארק סיטי זיך געראנגלט מיט גאר שווערע אנגעלייגטע טראפיק וואס פארפעסטיגט די לופט וואס מיר אטעמען, פארשטאפן אונזערע שאסייען, שעדיגן אונזערע קאמיוניטיס און שוואכן אפ אונזער עקאנאמיע. דאס איז בלויז ערגער געווארן זינט קאוויד, אזוי ווי מער מענטשן וואס פארן אריין צום ארבעט טעגליך זענען אריבער צו נוצן פריוואטע קארן. מיט די פארעפנטליכונג פון די טראפיק טאלס ענווייראמענטאלע אפשאצונג זענען מיר איין טריט נאענטער צו סוף כל סוף אדרעסירן די פראבלעם און איינפירן א פאליסי וואס וועט בענעפיטירן דרייווערס, טראנספארטאציע פאסאנזשירן און קאמיוניטיס צוגלייך. די RPA גראטולירט גאווערנער האקול און די MTA פארן אנקומען צו די וויכטיגע שטאפל, און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט די MTA, ניו יארק סיטי און די גאנצע טריי-סטעיט ראיאן צו פארזיכערן אז דער פראגראם עררייכט די פולע פאטענציאל דורכן פארקלענערן די ערשיינונג פון דרייווערס וועלכע פארן ארום אויף לאקאלע געסער צו פארמיידן טאל ('טאל שאַפּינג'), באגרעניצן אויסנאמען און פינאנצירן שאדן רעדוקציע מאסנאמען. אויב עס ווערט געטוהן אויפן ריכטיגן אופן וועלן טראפיק טאלס מאכן די סיטי און ראיאן געזונטער, עס וועט צושטעלן קריטישע פינאנצירונג פאר טראנספארטאציע מאדערניזירונגען און פארבעסערונגען און א מער בליהענדע ראיאן."

**Transportation Alternatives (טראנספארטאציע אלטערנאטיוון) דעפיוטי עקזעקיוטיוו דירעקטאר פאר פובליק אנגעלעגנהייטן, עליזאבעט עדעמס, האט געזאגט,** "טראפיק טאלס זענען א געווינס פאר יעדן — אפגעזעהן פון אויב איר גייט צופיס, פארט אויף א ביציקל, נוצט טראנספארטאציע אדער אפילו אויב איר דרייווט אריין אין די צענטראלע ביזנעס דיסטריקט. מיט די ערלויבעניש פון די פעדעראלע רעגירונג איז יעצט די צייט פאר ניו יארק סטעיט צו איינפירן טראפיק טאלס אן עס אפשטופן און אונטערנעמען שריט נאך היינט צו פערמאנענטערהייט צוריקנעמען די פלאץ פון קארן. אן די מאס פון אנגעלייגטקייט אויף אונזערע געסער קענען מיר אויפבויען געסער וועלכע דינען באמת די מענטשן פון ניו יארק סיטי, מיט מער גרינע שטחים, בעסערע טראנספארטאציע און ריינערע לופט."

**Riders Alliance (פאסאנזשירן אליאנס) עקזעקיוטיוו דירעקטארין, בעטסי פּלאָם, האט געזאגט,** "פאסאנזשירן זענען גאר באגייסטערט אז גאווערנער קעטי האקול האט ענדליך די פולע אויטאריטעט וואס זי דארף צו קענען אויפטרייבן די געלטער צו פארריכטן אונזער סאָבוועי און ברענגען די פארלעסליכע און צוגענגליכע סערוויס וואס קומט זיך פאר יעדער ניו יארקער. נאך יארן פון אפשטופן – מיט וואס טראנספארטאציע פאסאנזשירן זענען צו גוט באקאנט – האט די פעדעראלע רעגירונג ענדליך באשלאסן אז מיליאנען ניו יארקער, מענטשן וואס פארן טעגליך צום ארבעט און באזיכער צו אונזער שטאט קענען יא האבן באקוועמליכקייט נאך אלע מעשיות. טראפיק טאלס זענען די סאמע גרעסטע מקור פון געלטער צו קענען מאדערניזירן סאָבוועי סיגנאלן וועלכע פאראורזאכן כראנישע פארשפעטיגונגען, איינקויפן פארלעסליכע, פארגעשריטענע נייע סאָבוועי וואגאנען און בויען נייע סטאנציע עלעוועיטארס צו ענטפאנגען יעדער ניו יארקער צו די סיסטעם. טראפיק טאלס וועלן אויך איבערהאקן די אפגעשטעלטע געסער וועלכע פירן צו די פארלוסט פון א געשאצטע 20 ביליאן דאלאר יערליך — א פארלוסט וואס פאמיליעס פילן מיט טייערערע פראדוקטן און סערוויסעס און וועלכע פארשטייטערן אונזערע באסעס צו

קוים קענען קריכן. די סיבות צו איינפירן טראפיק טאלס, מיט אלע בענעפיטן דערפון, וואלן נישט געקענט זיין מער איבערצייגנד פון ווי זיי זענען היינט."

**Environmental Defense Fund (ענווייראמענטאלע פארטיידיגונג קאסע) סטעיט דירעקטארין פאר ניו יארק און ניו דזשערסי, מערי בארבער, האט געזאגט,** "עס איז אונז א פארגעניגן אז דער פעדעראלער פראצעדור צו באשטעטיגן ניו יארק סיטי'ס טראפיק טאלס פראגראם ברענגט די סיטי איין טריט נאענטער צו פארלייכטערן טראפיק אנגעלייגטקייט, צו רעדוצירן עמיסיעס און צו פינאנצירונג קריטישע מאדערניזירונגען צו ניו יארק'ס פובליק טראנספארטאציע סיסטעם. טראפיק טאלס איז א יסודות'דיגע פאליסי וואס שטיצט ניו יארק'ס ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט. מיר קוקן ארויס צו זעהן גאווערנער האקול'ס אנגייענדע קלימאט און ריינע ענערגיע פירערשאפט דורכן פארזיכערן אז דער פראגראם ווערט איינגעפירט שנעלערהייט און מיט אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – ווי צום ביישפיל אריבערפירן טראקס און באסעס צו נוצן עלעקטריציטעט – וועלכע לייגן אלץ פריאריטעט און פארזיכערן בענעפיטן פאר באזייטיגטע קאמיוניטיס."

**Tri-State Transportation Campaign (טריי-סטעיט טראנספארטאציע קאמפיין) עקזעקיוטיוו דירעקטאר, רענעי רענאלדס, האט געזאגט,** "טראפיק טאלס וועלן ברענגען פילע בענעפיטן צו אונזער סיטי און ראיאן. מיר זענען ערמוטיגט דורך די אנאנסירט שאדן רעדוקציע פלענער פון די MTA און גאווערנער האקול. די איינפירונג פון די פלענער – וועלכע רעכענען אריין פארבעסערטע עלעקטרישע אינפראסטרוקטור און באדייטנדע רעדוקציעס אין דיזעל עמיסיעס אין קאמיוניטיס וועלכע טראגן די לאסט פון ענווייראמענטאלע אומגערעכטיגקייט ווי די סאָוט בראנקס – וועט אונז העלפן זיך פאראויס רוקן מיט אונזערע באמיאונגען פאר א גלייכע, ענווייראמענט-פריינטליכע, געזונטע און איינוואוינער-פריינטליכע ראיאן."

**גרונדער און דירעקטאר פון Move NY'ס קאמפיין צו ברענגען טראפיק טאלס צו NYC, אלעקס מעטיהעסען, האט געזאגט,** "די פעדעראלע באשטעטיגונג פון טראפיק טאלס איז א ריזיגע זיג פאר די ניו יארקע מעטראו ראיאן און פאר די גאנצע לאנד, אזוי ווי אנדערע שטעט זוכן צו אננעמען דעם שעפערישן פראגראם צו רעדוצירן טראפיק און פארבעסערן פובליק טראנספארטאציע. א באזונדערס וויכטיגע חלק דערפון איז די רייע פון פעסטע שאדן-פארמינערונג מאסנאמען צו וועלכע ניו יארק האט זיך פארפליכטעט און וועלכע וועלן העלפן טרייבן אן אונטערנעמונג וואס וואלט שוין פון לאנג געדארפט געטוהן ווערן צו שאפן א מער גלייכע, גערעכטע און ענווייראמענט-פריינטליכע NYC."

**Bike New York (ביציקל - ניו יארק) שתדלנות דירעקטאר, דזשאן אַרקוט, האט געזאגט,** " Bike New York אפלאדירט די פארשריט פון טראפיק טאלס, און מיר קוקן ארויס צו זעהן די סיסטעם ווערנדיג איינגעפירט און די גאר-נויטיגע טראפיק פארלייכטערונג אין און ארום ניו יארק'ס צענטראלע ביזנעס דיסטריקט. טראפיק טאלס האבן געהאט פילע בענעפיטן פאר די זיכערהייט פון לאנדאן'ס געסער, און מיר קענען נוצן אלע הילף וואס מיר קענען באקומען אין די הינזיכט אין ניו יארק היינט."

**די ענדגילטיגע ענווייראמענטאלע אפשאצונג בויט ארויף אויף פאריגע פארפליכטונגען צו קאמיוניטיס וועלכע זענען א פריאריטעט פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט**

די MTA און די צוויי טראנספארטאציע דעפּארטמענטס זאגן צוזאמען צו 207.5 מיליאן דאלאר אויסגעשפרייט איבער פינף יאר פאר שאדן פארמינערונג מאסנאמען וועלכע זענען הויפטזעכליך קאנצענטרירט אויף קאמיוניטיס און באפעלקערונגען וועלכע זענען א פריאריטעט פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט (environmental justice, EJ). דאס רעכנט אריין 47.5 מיליאן דאלאר וואס איז אוועקגעלייגט געווארן פאר א נייע דיסקאונט פאר מענטשן מיט נידעריגערע איינקונפט און 5 מיליאן דאלאר פאר נאך נאכפאלגונג פון טראפיק, לופט קוואליטעט און טראנספארטאציע סטאנציע עלעמענטן.

ווי אפגעשפיגלט אין די ענדגילטיגע ענווייראמענטאלע אפשאצונג, וועלן די שאדן פארמינערונג מאסנאמען אדרעסירן פאטענציאלע נעגאטיווע השפעות וואס די סיסטעם קען האבן אויף קאמיוניטיס וועלכע זענען א פריאריטעט פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט. נייע פארפליכטונגען אין די ענדגילטיגע ענווייראמענטאלע אפשאצונג רעכענען אריין:

- א דיסקאונט פראגראם פאר דרייווערס מיט נידעריגערע איינקונפט וועט צושטעלן א 25% דיסקאונט פאר אפטע דרייווערס מיט נידעריגערע איינקונפט אויף די פולע CBD E-ZPass טאל ראטע נאך די ערשטע 10 רייזעס יעדע חודש אויפן לוח (אריינרעכענדיג איבערנאכט)
- טאקסיס און באצאלטע דרייווערס קענען נישט איינגעמאנט ווערן טאל מער פון איינמאל א טאג
- ראיאנישע שאדן-פארמינערונג מאסנאמען
    - צושטעלן א דיסקאונט פון צום וויניגסטנס 50% אויף די טאל אין פארנומענסטע שעה'ן פאר טראקס און אנדערע קארן כאטש פון 12 ביינאכט ביז 4 פארטאגס
    - פארברייטערן די NYC DOT'ס 'ריינע טראקס פראגראם' צו פארשנעלערן די ערזאץ פון אלטע דיעזעל טראקס צו אזעלכע וועלכע לאזן ארויס וויניגער עמיסיעס
    - פארברייטערן די NYC DOT'ס פראגראם פון דעליווערי נישט אין ביזנעס שעה'ן (Off-Hours Delivery Program)
- פלאץ-באזירטע שאדן-פארמינערונג מאסנאמען
    - איבערמאכן קילונג טרעילערס (retrofit refrigeration trailer, RTU) ביי די האנטס פוינט מארקעט פון שמוציגע דיעזעל צו ריינע הייבריד דיעזעל
    - פארברייטערן טשארדזשינג אינפראסטרוקטור פאר עלעקטראנישע טראקס
    - רענאווירן פארקס און פארברייטערן איינגעפלאנצטע שטחים צווישן הייוועי ליניעס אין EJ קאמיוניטיס
    - אינסטאלירן לופט פילטרירונג יוניטס אין סקולס נעבן הייוועיס
    - פארברייטערן די NYC דעפארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע וואוילזיין'ס (Department of Health and Mental Hygiene) אסטמא קעיס מענעדזשמענט פראגראם אין סקולס און אויפשטעלן א נייע אסטמא צענטער אין די בראנקס

די TMRB וועט מעגליך רעקאמענדירן פאליסיס אין פארבינדונג צו דיסקאונטס און אויסנאמען וועלכע זענען נאך מער פון די פארפליכטונגען אין די EA.

די פארפליכטונגען זענען א פארברייטערונג פון די פארפליכטונגען וועלכע זענען פון בעפאר דעם אויסגערעכנט געווארן, ווי צום ביישפיל דאס שטעלן אלץ פריאריטעט צו אריבערפירן באסעס גאראזשעס צו עלעקטריציטעט אין בראנקס און אפער מאנהעטן EJ קאמיוניטיס, צושטעלן א טעקס קרעדיט פאר CBD איינוואוינער מיט נידעריגערע איינקונפט מיט אן עדזשאָסטעד גראָוס אינקאָם פון וויניגער פון $60K און עלימינירן די $10 E-ZPass טעג דעפאזיט באצאלונג. פאר די פולע ליסטע פון פארפליכטונגען, גייט דא.

**פראגראם בענעפיטן**

אריבער די ראיאן וואס איז אויסגעשפרייט איבער 28 קאונטיס וואס איז שטודירט געווארן דורכאויד די ענווייראמענטאלע איבערבליק, האט די אפשאצונג געפונען אז ארויס פון די וועלכע פארן אריין טעגליך צו די ארבעט אין מאנהעטן'ס צענטראלע ביזנעס דיסטריקט דרייוון בלויז 11% אליין בשעת 85% נוצן פובליק טראנספארטאציע. דורכן רעדוצירן אנגעלייגטקייט און אויפטרייבן פארדינסטן פאר פובליק טראנספארטאציע, וועט דער פראגראם בענעפיטירן מיליאנען מענטשן יעדן טאג. דורך די נייע רייע פון שאדן-פארמינערונג מאסנאמען וועט דער פראגראם אויך באדייטנד אינוועסטירן אין לופט קוואליטעט אין קאמיוניטיס וועלכע זענען א פריאריטעט פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט.

***וויניגער טראַפיק אנגעלייגטקייט.*** ניו יארק איז צווישן די מערסטע אנגלייגטע שטעט אין די פאראייניגטע שטאטן. אנגעלייגטע געסער פארשטייטערן באסעס, פארשפעטיגן דעליווערי סערוויסעס, העכערן די קאסטן פון טוהן ביזנעס און פארערגערן די קוואליטעט פון אונזער לעבן. די ענווייראמענטאלע אפשאצונג שאצט אז עס וועט זיין א רעדוקציע פון אומגעפער 15-20% אין די צאל קארן וועלכע קומען אריין אין די צענטראלע ביזנעס דיסטריקט – אדער בערך 110,000 צו 143,000 וויניגער קארן טעגליך – בערך די צאל קארן וואס היינט קומען אריין אין מאנהעטן טעגליך דורך די ברוקלין בריק.

ניו יארק סיטי באסעס דינען א גרעסערע חלק פון פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט און פון מינאריטעטן אין פארגלייך צו אנדערע טראנספארטאציע מיטלען, אריינרעכענענדיג די סאָבוועיס. די שנעלקייטן פון לאקאלע באסעס זענען געפאלן מיט 28% אין די צענטראלע ביזנעס דיסטריקט זינט 2010, און Select Bus Service אין מאנהעטן איז 19% שטייטער פון Select Bus Service אין אנדערע בעראס. אין די צייט וואס אנגייענדע MTA אינציאטיוון, ווי איבערמאכן די דעזיין פון באס נעטווארקס, האבן געוויזן פארבעסערונגען אין שנעלקייטן, וועלן טראַפיק טאלס פארקורצערן די צייט נישט נאר פון באס סערוויס נאר אויך פון פארא-טראנזיט סערוויס.

***א מער גלייכע און צוגענגליכע טראנספארטאציע סיסטעם.*** דער פראגראם וועט אויפטרייבן פארדינסטן וועלכע זענען גענוג צו קענען אנקומען צו 15 ביליאן דאלאר פאר די MTA'ס 2020-2024 אינפראסטרוקטורישער פראגראם וואס רעכנט אריין טראנספארמאטיווע פראיעקטן. די MTA'ס טראנספארטאציע סיסטעם, און באזונדערס די באס נעטווארק, פארמערט גלייכקייט דורכן צושטעלן סערוויסעס פאר קאמיוניטיס מיט נידעריגערע איינקונפט און מינאריטעטן. די געלטער וועלן ערלויבן די MTA צו מאכן פארשריט מיט איר אגרעסיווע סקעדזשול צו פארענדיגן צוגענגליכקייט פארבעסערונגען, צוזאמען מיטן דורכפירן נויטיגע פארערכטונג ארבעט אויפן בעסטן פארנעם אויף די טראנספארטאציע סיסטעם וואס איז איבער הונדערט יאר אלט.

***א געזונטערע, מער ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט.*** טראַפיק טאלס וועלן פארבעסערן די אלגעמיינע ראיאנישע לופט קוואליטעט מיט איינס פון די ברייטסטע פלענער וואס די ראיאן האט דורכגעפירט צו שטיצן א גרינערע צוקונפט. די ענווייראמענטאלע אפשאצונג האט געפונען אז אין יעדע מעגליכע סיטואציע מיט טאלס וועט זיין א רעדוקציע אין די צאל פון מייל וואס ווערן געפארן אין קארן אין די צענטראלע ביזנעס דיסטריקט און אין די ראיאן אין אלגעמיין, און אז דער פראגראם וועט מוטיגן טייל מענטשן וואס דרייוון טעגליך צום ארבעט צו אריבערגיין פון זייער קאר צו טראנספארטאציע.

**מיטארבעט מיט די קאמיוניטי פרעצעדענטלאז אין פארנעם**

דורכאויס דעם פראצעדור פון די ענווייראמענטאלע איבערבליק, האבן די שותפים אין דעם פראיעקט אפגעהאלטן 19 פריע פובליק באטייליגונג סעסיעס, ניין פון וועלכע זענען אפגעהאלטן געווארן אין קאמיוניטיס וועלכע זענען א פריאריטעט פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט, 10 באגעגענישן מיט ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט טעכנישע אדוויזאריס און ארבעטס גרופעס פון פארמישטע פארטייען און זעקס פובליק געהערן נאך די ערשטיגע נוסח פון די ענווייראמענטאלע אפשאצונג איז פארעפנטליכט געווארן אין אויגוסט 2022. קרוב צו 950 רעדנער האבן זיך באטייליגט אין די פריע פובליק באטייליגונג סעסיעס און געהערן צוזאמען. נאך באגעגענישן זענען אפגעהאלטן געווארן באזונדער פאר ערווילטע בעאמטע, קאמיוניטי באורדס, טראנספארטאציע און ענווייראמענטאלע שתדלנים און אנדערע פאראינטערעסירטע פארטייען.

די MTA און צוויי טראנספארטאציע דעפארטעמנטס האבן ערהאלטן און געענטפערט מער פון 22,000 באזונדערע קאמענטארן און מער פון 55,000 אריינגעגעבענע בויגנס. אלע צוזאמען זענען די ווידעאוס אויף די אינטערנעט פון די פובליק געהערן געקוקט געווארן איבער 25,000 מאל.

**די ענווייראמענטאלע אפשאצונג'ס שטודירטע ראיאן**
נעמנדיג אין באטראכט און דאקומענטירנדיג אלע קאמענטארן פון די פובליק, אנאליזירט די ענדגילטיגע ענווייראמענטאלע אפשאצונג די השפעה וואס צענטראלע ביזנעס דיסטריקט טאל וועט האבן אויף טראפיק אנגעלייגטקייט, טראנספארטאציע, לופט קוואליטעט און מערערע אנדערע ענווייראמענטאלע הינזיכטן אין 28 קאונטיס אריבער ניו יארק, ניו דזשערסי און קאנעטיקוט. די שטודירטע ראיאן נעמט אריין 22 מיליאן מענטשן, אריינרעכענענדיג 12.3 מיליאן איינוואוינער וועלכע וואוינען אין קאמיוניטיס וועלכע זענען א פריאריטעט פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט און אזוי אויך פינף רויטע-אינדיאנע שבטים.

די ענווייראמענטאלע אפשאצונג שאצט אפ די השפעות אויף טראפיק און פובליק טראנספארטאציע פאר א ראיאנישע טראנספארטאציע נעטווארק מיט 28.8 מיליאן רייזעס אויף א דורכשניטליכע וואכנטאג, 61,000 הייוועי פארבינדונג פונקטן, 4,600 טרפיק אנאליז זאנעס, 44,267 באס אדער טראנספארטאציע סטאנציעס, 4,170 טראנספארטאציע רוטס און מער פון צען פובליק טראנספארטאציע פירמעס חוץ פון די MTA, אריינרעכענענדיג NJ TRANSIT, PATH, פערי שיפן און ראיאנישע באס סיסטעמען, אריינרעכענענדיג וועסטשעסטער קאונטי Bee-Line, NICE און סופאלק קאונטי טראנזיט.

**הינטערגרונט פון דעם צענטראלע ביזנעס דיסטריקט טאל פראגראם**
דער צענטראלע ביזנעס דיסטריקט טאל פראגראם איז פארלאנגט געווארן דורך די סטעיט אין אפריל 2019, און עס נוצט די מוסטער פון שטאטישע טראפיק טאלס פראגראמען ארום די וועלט צו רעדוצירן טראפיק אנגעלייגטקייט און צו אויפטרייבן נויטיגע פארדינסטן צו פארבעסערן פובליק טראנספארטאציע. דער פראגראם וועט איינמאנען פון קארן א טאל וועלכע פארן אין מאנהעטן פון 60th Street און צו דרום, נישט אריינרעכענענדיג די טראפיק וואס פארט אריבער אויף די Franklin D. Roosevelt Drive, West Side הייוועי, Battery Park אַנדערפעס, און חלקים פון די שאסיי פון די Hugh L. Carey טונעל וואס פארבינדט זיך צו West Street.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418